# נישט אפערשארפטע אקציע

## נאר ענערגישע פרובען צו קומען צו א פערשטענדיגונג מיט די אוקראינער

וו א ר ש אַ, 6 טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אין די פאָליטישע קרייזען גיט מען איבער, אז איצט, מעהר ווי פריהער, וועט די פוילישע רעגירונג מאכען ענערגישע פרובען צו קומען צו א פערשטענדיגונג מיט די אוקראינער — אין געגענזאץ צו די פערשידענע מיינונגען, אז די רעגירונג וועט איצט אנווענדען געגען די אוקראינער א פערשארפטע אקציע.

עס ווייזט זיך אויס, אז אפילו די ראדיקאלסטע איקראינער פאָליטיקער זענען אויפגערעגט געוואָרן צוליב דעם מאָרד איבער האָלובקאָ'ן און זיי ווילען פון זיך אָפוואשען דעם פלעק אפילו פאר'ן פרייז פון איינגיין אויף גרויסע הנחות לטובת דער פוילישער רעגירונג.

די דאָזיגע נייע ווענדונג איז אייגענטליך א המשך פון דעם ערמאָרדעטען האָליבקאָ'ס פאָליטיק.

# היינט — פייערליכע ערעפנונגס־זיצונג פון ראט פון פעלקער־בונד

ג ע נ ע ף, 6 (ספ. טעל.) מאָרגען מאָנטאָג וועט פאָרקומען די פייערליכע ערעפנונגס־זיצונג פונ'ם ראַט פון דעם פעלקער־בונד.

אין משך פון היינטיגען טאָג זענען שוין דאָ אָנגעקומען בריאַן, גראַנדי און אַ גאַנצע רייה דיפּלאָמאַטען.



די ערעפנונגס־זיצונג פון פעלקער־בונד־ראַט אין גענף

# צום נייעם ענגלישען פארלאמענט

## וועלען פארקומען די וואהלען אין קומענדיגען חודש

ל אָ נ ד אָ ן, 6 (ספ. טעל.)

עס איז שוין בעוואוסט, אז דעם קומענדיגען חודש וועלען אין ענגלאנד פאָרקומען וואהלען צום נייעם פארלאמענט.

מאָרגען, מאָנטאָג ווערט געעפענט דער קאָנגרעס פון די ענגלישע פראָפעסיאָנעלע פעראיינען׳ צוליב דער איצטיגער לאגע אין ענגלאנד האָט דער דאָזיגער קאָנגרעס א גאָר וויכטיגע בעדייטונג.

---

# גרויסע פערפלייצונג אין ענגלאנד

## פיל הייזער זענען אונטערגעשווענקט געוואָרן, און די באהן־בעוועגונג איז איבערגעריסען

ל אָ נ ד אָ ן, 6. (ספ. טעל.) אין א סך געגענדען פון מיטען־ענגלאנד זענען אין די לעצטע טעג געפאלען גוס־רעגענס, צוליב וואָס פיל הייזער זענען אונטערגעשווענקט געוואָרען און דראָהען איינצופאלען. די איינוואוינער פון די דאָזיגע הייזער זענען אריבערגעפיהרט געוואָרען אין זיכערע ערטער.

אין לידס אין שעפילד זענען פון פרייטאָג צוגעמאכט אלע פאבריקען, מחמת ס'איז דאָ א סכנה די בנינים זאָלען איינפאלען.

עס קומען אָן, אָהן אויפהער ידיעות פון גאנץ ענגלאנד וועגען אונטערגעשווענקטע באהן־אנשיטען, איבערגעריסענע באהן־קאָמוניקאציעס, פערפלייצטע דערפער א.א.וו.

נעבען שעפילד זענען דערטרונקען געוואָרען 180 בהמות אויפ'ן פעלד.

אין לידס (אינדוסטריע־סביבה) דערגרייכט דאָס וואסער די הויך פון עטליכע פוס. די גאנצע גאַסען־בעוועגונג איז אָפגעשטעלט.

אין ראָטהערהעם שטעהט די עלעקטראָוניע אונטער וואסער. מחמת דעם איבערגעריסענעם שטראָם איז די גאנצע פאבריקאציע פאראליזירט.

אין מאנספילד איז קאליע געוואָרען א וואסער־ציסטערנע, און צוליב דעם זענען פערגאָסען געוואָרען 10 טויזענד העקטאר ערד צוזאמען מיט די תבואות.

# דער ארעסטירטער אוקראינער

## זאל זיכער זיין איינער פון האלובקא'ס מערדער

ל ע מ ב ע ר ג, 6 (טעלעפאָניש) די לעמבערגער אויספאָרשונגס־מאכט פע זיכערט, אז דער ארעסטירטער אוקראינער וואָס איז געכאפט געוואָרען אין וואלד הינטער דראָהאָביטש, איז זיכער איינער פון די מערדער, וואָס האָבען דער'הרגעט האליבקא'ן.

דער ארעסטירטער האָט נישט ביי זיך קיין שום דאָק־מענטען און ער וויל נישט זאָגען, ווי ער הייסט. ער ערקלערט, אז ער איז אַן ארבייטער אָבער לויט זיינע רייד, זעהט מען, אז ער איז אַן אינטעליגענט, און וואהרשיינליך א סטודענט.

מען האָט ביי איהם געפונען 2 רעוואָלווערען מיט קוילען, וועלכע זאָלען זיין פון זעלבען קאַליבער פון וועלכען ס'איז געפאלען האלובקא.

# דער אויפשטאנד אין טשילי

ס א נ ט י אַ ג א (טשילי) 6 (ספ. טעל.) די פּרוּבען פון דער טשילי־רעגירונג צו פערשטענדיגען זיך, מיט די אויפשטענדיגע איז נישט געלונגען.

עס זענען פאָרגעקומען ווייטערע קאַמפען, ביי וועלכע ס'זענען געפאַלען 700 טויטע.

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען ביינאכט געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאָטער, שווער־פאָטער, גרויספאָטער, ברודער און אָנקעל

נ. ע.

# מרדכי מנחם מענדל

## בן ר' יוסף דוד שו"ב ז"ל

# ראזענבערג

(הויז־בעזיצער פון ווסכאדניאַ 45)

אין עלטער פון 62 יאהר.

די לוי' קומט פאר היינט, מאנטאג, כ"ה אלול תרצ"א (7 סעפט. 1931), 3 א זייגער מיטאג פון טרויער־הויז נאראָטאָוויטשא 35, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

